פרשת תרומה תשפ"ג
גליון 56

# א גריס פון
# בית פיגא

## א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך, יום א' פרשת וארא, ח' שובבי"ם, כ"ב טבת, שנת תשפ"ג לפרט קטן

*... חמי', תלמידה בית פיגא ירושלים*

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

נעמט זיך פאר לכבוד אייער געבורטס-טאג זיך אפצוגיסן נעגל וואסער, נישט אראפגיין פון בעט – אן זיך אפגיסן נעגל וואסער. איידער איר גייט שלאפן – זאלט איר זיך אנגרייטן נעגל וואסער.

זאגט יעדן טאג אביסל תהילים. דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן עג) תהילים ברענגט דעם מענטש נאנט צום אייבערשטן; אלע ישועות און סגולות ליגט אין תהילים.

פירט זיך מיט דרך ארץ צו אייערע לערערינס. ביים רבי'ן איז געווען דרך ארץ זייער א וויכטיגע זאך, אזוי וועט איר מיר מאכן א נחת רוח.

# די פארלוירענע בת מלך

## סיפורי מעשיות מעשה א'

## חלק י'



דֶערנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אויפגעוועקט און ער הָאט גְעפְרֶעגְט דֶעם מְשָׁרֵת, "וִוי בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט?" הָאט עֶר אִים דֶערצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אז אַסַאךְ סאלדאטן זֶענֶען דוֹרְכגְעגַאנְגֶען, און אַז עֶס אִיז דָא גְעוֶוען א קַארְעטֶע. און אַז זִי הָאט גְעוֵויינְט אִיבֶּער אִים. און זִי הָאט גְעשְׁרִיגְן 'עֶס אִיז א גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר און אוֹיף מִיר.'

דֶערוַוייל הָאט עֶר געגעבן א קוק הָאט עֶר געזֶען דִי פַּאטְשֵׁיילֶע לִיגְט נעבן אִים. הָאט עֶר גְעפְרֶעגְט פון ווי קומט דָאס? הָאט עֶר אִים גְעעֶנְפֶערְט אז זִי הָאט עֶס אִיבֶּער גְעלָאזְט און הָאט אוֹיף דעם גְעשְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערְן. הָאט עֶר גְענוּמֶען דִי פַּאטְשֵׁיילֶע און הָאט עס אוֹיפגְעהוֹיבְּן אַנקֶעגְן דֶער זוּן. הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זֶען דִי אוֹתִיוֹת, הָאט עֶר גֶעלֵיינְט וָואס דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען. דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גֶעשְׁרִיבֶּן אַז הַיינְט אִיז זִי שׁוֹין נִישְׁט אִין דֶעם שְׁלָאס נָאר עֶר זָאל זוּכְן אַ גָאלְדֶענֶעם בַּארְג מִיט אַ פֶּערְלְנֶעם שְׁלָאס און דָארְט וֶועסְטוּ מִיךְ גֶעפִינֶען.

**פארזעצונג קומט אי"ה**

# מיידלעך דערציילן

## מעשיות פון תפילה

### אסתי קליין דערציילט:

איך האב זייער שטארק געוואלט גיין צו די חתונה פון באשי בערמאן - וויילדי, און ש׳כח אייבערשטער אז איך האב געקענט גיין. נאך די חתונה האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן א גוטע וועג אהיים פון די חתונה, און ש׳כח אייבערשטער אז איך האב געהאט א גוטע וועג אהיים.

### חני לעווי דערציילט:

היינט איז מרת איידליס צוריקגעקומען אין סקול מיט איר נייע מיידל בעיבי חי׳ אסתי! איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען האלטן מרת איידליס׳ס בעיבי, און ש׳כח אייבערשטער אז איך האב איר געקענט האלטן!

# Recipe

## המן טאשן לכבוד פורים

**Ingredients:**

2 sticks margarine

½ cup confection sugar

4 eggs

3 T vanilla extract

1 ½ teaspoon baking powder

4 cups flour

**Directions:**

Preheat oven to 350. Combine all ingredients. Roll dough ¼ inch thick. Cut out large circles. Fill with jam and bake for 17 minutes.



# א שיינע תפילה

ווען איר גייט ארויס פון שטוב לייגט די האנט אויף די מזוזה און בעטס דעם אייבערשטן די קורצע תפילה: **"הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל צוריק אהיים קומען געזונט און שטארק"**, און ווען איר קומט אהיים זאלט איר לייגן די האנט אויף די מזוזה און זאגן: **"שכוח אייבערשטער אז איך בין צוריק אין שטוב געזונטערהייט"**; דאס איז א גוטע זאך זיך פארצונעמען, אזוי וועט איר זיין אפגעהיטן אייער גאנצע לעבן.

# א שיחה

## פון די רבי

**קענסטו טראכטן וועלכע באקאנטע שיחה פון די רבי די בילד טוט מיינען?**



~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~



**ענטפער פון פרשת משפטים:**

**פון וועם איך נעם,**

**געב איך.**

**דורך: לאה סאלז**

**מזל טוב!**

**מרת א. פ. שניטצלער**

**צו איר נייע מיידל בעיבי!**

**מזל טוב!**

**באשי ווײלדי**

**צו איר חתונה!**
~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~